**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/21/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט ׳דזשענערעל מאטארס׳ צו אינוועסטירן באלד 154 מיליאן דאלער ביי לאקפארט פאבריק פאר פראדוקציע פון עלעקטרישע מאטאר שטאנדטיילן**

***רענאוואציעס צו דער ניאגארא קאונטי איינריכטונג וועלן זיך אנהויבן זאפארט***

***העלפט רעדוצירן ניו יארק׳ס קארבאן ארויסלאז דורך פארשנעלערן צילן און דאס צושטעלן עלעקטרישע אויטאס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אויסגעמאלדן אז ׳דזשענערעל מאטארס׳ וועט אינוועסטירן באלד 154 מיליאן דאלער אין איר מערב ניו יארק ׳לאקפארט קאמפאנענטס׳ פאבריק. די אינוועסטירונג וועט געניצט ווערן צו רענאווירן דער איינריכטונג און איינקויפן און אינסטאלירן נייע אויסריכטונגען און געצייג געניצט אין די פראדוקציע פון דער סטאטאר מאדיול, א הויפט שטאנדטייל אין אן עלעקטרישע מאטאר. עלעקטרישע מאטארן וועלן געניצט ווערן אין פארשידענע סארטן פון GM׳ס צוקונפטיגע ׳אולטיום׳ פלאטפארמע-באזירטע עלעקטרישע טראָקס און SUV׳ס. איינריכטונג רענאוואציעס וועלן זיך אנהויבן זאפארט.

״מיט דער גרויסער אינוועסטירונג ביי איר לאקפארט איינריכטונג נעמען ׳דזשענערעל מאטארס׳ די נעקסט שריטן אויף צו פאראויס-פירן א גענצליך-עלעקטרישע צוקונפט,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״נישט נאר וועט דער אינוועסטירונג אונטערהייבן מערב ניו יארק׳ס עקאנאמיע, נאר עס וועט אויך שפילן א קריטיש-וויכטיגע ראלע אין שטיצן אונזערע אונטערנעמונגען צו עלעקטריזירן דעם טראנספארטאציע סעקטאר און רעדוצירן קלימאט-ענדערנדע שעדליכע גאז ארויסלאז און לופט פארפעסטונג.״

**דזשעראלד דזשאנסאן, GM עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט פון גלאבאלער פאבריצירונג און שטאנדהאפטיגקייט האט געזאגט,** ״GM׳ס אינוועסטירונג אין לאקפארט טוט ווידער-באשטעטיגן אונזער פארשפרעכונג צו פאבריצירונג אין מערב ניו יארק און אונזער קאנפידענץ אין דעם מאנשאפט וויבאלד זיי וועלן בויען א קריטיש וויכטיגער מאדיול אין אונזער עלעקטרישע מאטאר אסעמבלי פאר אונזערע צוקונפטיגע EV טראָקס און SUV׳ס. מיר שעצן די שטיצע פון ניו יארק סטעיט, און עס איז געווען א וויכטיגער פאקטאר אין ערמעגליכן דער אינוועסטירונג.״

אזוי ווי ׳לאקפארט קאמפאנענטס׳, וועלכע איז א יוניאָניזירטע איינריכטונג וואס געפונט זיך אויף אָפּער מאונטען ראוד, גרייט זיך פאר עלעקטרישע מאטאר שטאנדטייל פראדוקציע, וועט דער איינריכטונג פארזעצן ווייטער צו בויען פארשידענע ערליי שטאנדטיילן וואס שטיצן GM׳ס איצטיגע טראָק און SUV פראדוקציע. ׳לאקפארט קאמפאנענטס׳ טוט איצט פראדוצירן ראדיאטארס, קאנדענסערס, הייצונג קאָר, עוועפאראטארס, HVAC מאדיולן, אויל קילער און אנדערע שטאנדטיילן וועלכע ווערן געניצט אין פארשידענע ערליי GM טראָקס. GM טוט איצט אפשאצן אז ׳לאקפארט קאמפאנענטס׳ וועט צולייגן אומגעפער 230 פאזיציעס צווישן 2023-2026. אייגנטליכע שטאב פלענער וועלן ענדגילטיג באשלאסן

ווערן נאענטער צום אנהויב פון פראדוקציע אזוי ווי דער איינריכטונג ווערט אריבערגעפירט צו שטיצן EV מאטאר שטאנדטייל פראדוקציע.

׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ (ESD) וועט צושטעלן ביז 5.65 מיליאן דאלער אין עקסעלסיאָר דזשאבס פראגראם ״גרינע״ אינוועסטירונג טעקס קרעדיטס אין אומקער פאר אינוועסטירונג פארשפרעכונגען צו פירן דעם פראיעקט אויף פאראויס.

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ במקום-קאמישענערין און פרעזידענטקע און דעזיגנירטע CEO האופ נייט** האט געזאגט, ״די אויטא אינדוסטריע איז א קריטיש-וויכטיגער טרייבער פאר דער עקאנאמיע אין מערב ניו יארק. ׳דזשענערעל מאטארס׳ רענאוואציעס ביי איר ניאגארא קאונטי איינריכטונג וועלן העלפן דעם ראיאן פארזעצן ווייטער צו פירן דער וועג מיט דעם קומענדיגן דור פון עלעקטרישע אויטאס און שטיצן ניו יארק׳ס טראנזיציע צו דער גרינער עקאנאמיע.״

ניו יארק סטעיט שטיצט אויך דער לאקאציע דורך דער אלאקירונג פון 18 מעגאוואַט פון ביליגע היידראָ-ענערגיע פון דער ניו יארק סטעיט פּאַווער אויטאָריטעט׳ס ניאגארא ענערגיע קראפט פראיעקט אין לואיסטאן.

**NYPA צווישנצייטיגע פרעזידענט און CEO דזשאסטין אי. דריסקאל האט געזאגט,** ״דער באשלוס פון ׳דזשענערעל מאטארס׳ צו פארברייטערן אין לאקפארט איז גוטע נייעס פאר מערב ניו יארק. ׳דזשענערעל מאטארס׳ איז א לאנג-יעריגער היידראָ-ענערגיע קאסטומער פון דער פּאַווער אויטאָריטעט, און דערפאר איז באגייסטערנד צו זען דער פירמע זעצט פאר ווייטער צו וואקסן און שאפן דזשאבס אין דעם ראיאן.״

׳לאקפארט קאמפאנענטס׳ איז געגרונדעט געווארן אין 1910 אלס דער העריסאן ראדיאטאר קאמפאני פאר׳ן צוועק פון אויסשטעלן, פאבריצירן, און פארקויפן אויטא ראדיאטארס און באשטאנדטיילן. מיט איבער 1,500 באשעפטיגטע, איז דער ארט פאקוסירט אויף אנגייענדע פארבעסערונגען דורך א געמיינזאמע מאנשאפט פראצעס צווישן UAW לאקאל 686, לאקאל 55 און פאבריק פארוואלטונג.

**סענאטאר ראבערט ארטט האט געזאגט,** ״עס פריידט מיט אז ׳דזשענערעל מאטארס׳ טוט ווידער-באשטעטיגן זייער אינוועסטירונג אין די מענטשן און דער שטאט לאקפארט מיט דער היינטיגער מעלדונג. מערב ניו יארק קען און זאל ווייטער זיין א פירער אין צושטעלן גוטע פאבריצירונג דזשאבס, אינאוואציע פאר אונזער צוקונפטיגע עקאנאמיע, און א דערהייטערנדע ארט צו האדעווען א פאמיליע.״

**אסעמבלי-מיטגליד מייקל נאריס האט געזאגט,** ״׳דזשענערעל מאטארס׳ און ׳העריסאן ראדיאטאר׳ איז געווען א קריטיש-וויכטיגער פאנדעישען פון אונזער לאקפארט קאמיוניטי און מערב ניו יארק ראיאן דורך עטליכע דורות שווער-ארבעטנדע און איבערגעגעבענע ארבעטער און מערקווירדיגע אינאוואציע אינערהאלב דער אינדוסטריע. ׳דזשענערעל מאטארס׳, דורך דער באדייטנדער אינוועסטירונג אין דעם לאקפארט פאבריק, האט איצט באנייט איר פארשפרעכונג צו אונזער ראיאן און ארבעטסקראפט, און מאכט דעם לאקפארט פאבריק א הויפט שטאנדטייל פון דעם קומענדן דור פון אינאוואציע אין דער אויטא סעקטאר. איך וויל אויסדרוקן מיין הארציגע דאנקבארקייט צו ׳דזשענערעל מאטארס׳ און איר ארבעטסקראפט פאר איר פעסטע און לאנג-טערמיניגע פירערשאפט און היסטאריע אין לאקפארט און מערב ניו יארק און איך קוק ארויס אויף פארצוזעצן ווייטער צו שטיצן איר מאנשאפט און עקאנאמישע אונטערנעמונגען וועלכע וועלן אנהאלטן און וואקסן גוט-באצאלטע דזשאבס אין אונזער ראיאן אזוי ווי דער נעקסטער באגייסטערנדע קאפיטל הויבט זיך אן.״

**איבער ׳דזשענערעל מאטארס׳**

׳דזשענערעל מאטארס׳ (NYSE:GM) איז אן אלוועלטליכער קאמפאני פאקוסירט אויף אוואנסירן א פולקאם עלעקטרישע צוקונפט וואס איז אריייננעמיג און צוטריטליך פאר יעדן. ביים הארץ פון דער סטראטעגיע אין דער ׳אולטיום׳ באטעריע פלאטפארמע, וועלכס טוט אלצדינג באקרעפטיגן — פון מאסן מארקעט צו הויכע-פונקציע אויטאס. ׳דזשענערעל מאטארס׳, אירע אונטער-קערפערשאפטן און אירע געמיינזאמע אונטערנעמונג קערפערשאפטן, פארקויפן אויטאס אונטער דער ׳שעווראלעי׳, ׳ביואיק׳, GMC, ׳קעדילעק׳, ׳באאודזשון׳ און ׳וווּלינג׳ ברענדס. מער אינפארמאציע איבער דער קאמפאני און אירע אונטער-קערפערשאפטן, אריינגערעכנט ׳אָן-סטאַר׳, אן אלוועלטליכער פירער אין אויטא זיכערהייט און סעקיוריטי סערוויסעס, קען מען געפונען ביי https://www.gm.com.

**וועגן ״עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט״**
׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ (ESD) איז ניו יארק׳ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור. דער מיסיע פון ESD איז צו שטיצן און אונטערהייבן אן אויפגעלעבטע און וואקסנדער עקאנאמיע, דערמוטיגן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפט פאר׳ן סטעיט און אירע מוניציפאליטעטן, און דערגרייכן סטאבילע און אויסגעברייטערטע ארטיגע עקאנאמיעס. דורך ניצן לאָונס, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארבעסערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דזשאב שאפן און שטיצן בליענדע קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך דער הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוט איפזען איבער די ניו יארק סטעיט ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון ״איי לאָוו ניו יארק״, דער סטעיט׳ס איקאנישער טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאונסילס און איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, באזוכט www.regionalcouncils.ny.gov און www.esd.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן